© 2004 אֳמָנִים

לְמַעַן יִשְׂרָאֵל

# פרק ב

|1| נאך  פערצן יאר איך בין נאך אמאל ארופגעגאנגען צו ירושלים יעצט  צוזאמען מיט ברנאבא, און איך האב אויך גענומען טיטוס מיט

|2|  איך בין ארויפגעגאנגען דורך א התגלות און איך האב מבשר געווען די בשורת הגאולה וואס איך האב די גוים אנגעזאגט, אבער שטילערהייט צו די אנגענומענער מנהיגים .איך האב אזוי געמאכט מבאלד איך האב

מורא געהאט אז מיין פריעדיקע
ארבייט איז געווען אומזיסט.

|3| אבער זיי האבן נישט געגייט מיין
גוישע חבר זאל זיך מלען

|4| טאקע די פראגע איז געשטעלט
געווארן נאר דורך פאלשע ברידער
ווער זיינען אריינגעקומען כדי צו
באקוקן די פרייהייט וואס מיר האבן
אין דעם רבי המלך המשיח און

אונדז דערנאך ברענגען אין
קנעכטשאפט.

|5| נישט פאר א מינוט האבן מיר זיך
אונטערגעגעבן פאר זיי כדי די

ווארהייט פון די בשורת הגאולה זאל באהיט ווערן פאר אייך

|6| נאך מער די מנהיגים ווער זיינען געווען האבן גארנישט צוגעגעבן צו מיין דרשנען- וואס זיי זיינען איז מיר קיין אונטערשייט ווייל ה' משפט נישט לויטן חיצוניות פון מענטשן.

|7| להיפך זיי האבן געזען אז די בשורת הגאולה פאר די גויים איז מיר געגעבן געווארן פונקט אזוי ווי די בשורת הגאולה פאר די יידן איז געגעבן געווארן צו שמעון כיפא

|8| מבאלט דער וואס האט געפועלט ביי כיפא צו זיין א שליח [פון משיח]

צו די יידן האט געפועלט ביי מיר צו זיין א שליח [פון משיח] צו די גויים.

|9| ווען יעקב, כיפא, און יוחנן, די פארעכענטע מנהיגים, האבן געזען די חסד וואס איז מיר געגעבן געווארן האבן זיי געגעבן די רעכטע האנט פון פריינטשאפט צו מיר און בארנאבא. כדי מיר זאלן גייען צו די גויים און זיי צו די יידן.

|10| זייער איינציגע בקשה איז געווען אז מיר זאלן געדענקן די עניים וואס

איך האב סיי ווי סיי געטאן.

|11| נאך מער ווען כיפא איז געקומען קיין אנטיואכן איך האב זיך אים

אנטקעגנגעשטעלט פּנים אל פּנים,
מחמת ער איז נישט געווען גערעכט

|12| ווייל פאר דעם אנקומען פון
עטלעכע מענטשען פון די קהילה
געפירט ביי יעקב, האט כיפא געגעסן
צוזאמען מיט די גוייעשע מאמינים
און ווען זיי זיינען געקומען, ער

האט זיך צוריק געצויגן און האט זיך
אפּגעשיידט ווייל ער האט מורא
געהאט פון די לייט וואס האבן
געהאלטן אז גוים מוזן זיך מלען

|13| און די אנדערע יידישע מאמינים
זיינען אויך געווארן צבועקעס
צוזאמען מיט אים און אפילו ברנאבא

איז זיי נאכגעגאנגען.

|14| אבער ווען איך האב געזען אז זיי
גייען נישט ריכטיק לויטן אמת פון

די בשורת הגאולה, האב איך געזאגט
צו כיפא פאר אלעמען,"אויב דו, א ייד,
לעבסט ווי א גוי און נישט ווי א ייד,
פארוואס נייטס דו די גויים צו לעבן
ווי יידן?

|15| מיר זיינען יידן פון געבורט און
נישט גויישע פושעים.

|16| אף על פי כן מיר ווייסן יעצט אז
א מענטש איז נישט דעקלערט א
צדיק צוליב זיינע קיום די מצוות נאר
דורך דער אמונה פונם רבי המלך

המשיח יהושע, אזוי האבן מיר אונדזער אמונה אין רבי המלך המשיח יהושע און זיינען געטריי געווארן צו אים, כדי

מיר זאלן זיין גערופן צדיק צוליב אמונה אין רבי המלך המשיח און נישט צוליב אונדזער קיום התורה. ווייל פון היטן תורה און מצוות קען קיינער נישט גערעכטפערטיק ווערן.

|17| אבער ווען מיר שטרעבן צו ווערן רעכטפערטיק ביי ה' דורכן רבי המלך המשיח ,מיר זיינען געווארן פארזינדיקע, איז דער רבי המלך המשיח דעריבער א משרת (העלפער)

פון זינד? חס ושלום!

|18| טאקע אויב איך בוי אויף דאס וואס איך האב שוין אויסגעמידן, איך מאך זיך ווידער א פושע.

|19| ווארום איך בין געשטארבן צו דער תורה דורך דער תורה כדי איך זאל לעבן פאר ה'.

|20| ווען דער רבי המלך המשיח איז געהרגט געווארן אויפן בוים ווי א פארברעכער, בין איך אויך געהרגט געווארן און לעב איך שוין נישט מער נאר דער רבי המלך המשיח לעבט אין

מיר ,און וואס איך לעב יעצט אינם פלייש,לעב איך אין דער אמונה וואס

דער זון פון דער אייבערשטער ווער האט מיר ליב און האט זיך מוסר נפש געוועוען פאר מיר האט געהאט.

|21| איך בין נישט מבטל דעם מתנת חסד פון ה' ווייל ווען גערעכטפערטיקונג איז דורך בְּכָל חֹמֶר הַדִּין, דאן איז רבי המלך המשיח'ס טויט אומזיסט.